NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13120

UNDZERE KINDER

Moisei Pinchevskii

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

אונדזערע
קינדער

מ. פינטשעווסקי

אונדזערע קינדער

לידער

מעלוכע־פארלאג פון װײַסרוסלאנד
מינסק נאצסעקטער 1933

רעדאקטער—ד א ט ע ס ע ק
יטקאָרעקטור—ש ר י ד ט א נ
טעכרעדאקטער—ק א ר פ י נ אָ ו ו י ט ש

אָפגעגעבנ אינ דרוקעריי—דעם 21/XI—32 י.
אונטערגעשריבנ צום דרוק—דעם 13/V—33 י.
פארגט. קאָרעקטער פונ דרוקעריי—ש ט ר י ק מ א נ

דרוקעריי א. נ. סטאלינ.
באשטעלונג 2876.
טיראזש 3.000
גלאװליטבעל 796

אונדזערע קינדער.

ז.

ווער—די ערשטע?

אינעם בויפּלאַן
איינגעשלאָסן
ס'קליינע שטעטל
אויך.
א פאבריק
מע וועט
דאָרט לאָזן —
אַז!
ס'וועט גיין
א רויך!

דארף מען
בויען;
פּלאַץ—אָפּצוּמען!
און דאָס פּלאַץ
איז וויסט.
דארף מען דאָך
דאָס פּלאַץ

אָמראמען:
ווילדגראָז.
שטיינער.
מיסט.

דארף מען
טאָן עס
אין די רו־טעג —
אלע:
קינד און קייט!
קאָמיוגיסטן—
זיינען מוטיק!
פיאָנערן—
גרייט!

שטורמעווען
דאָס פלאץ
דאָס וויסטע;
רייניקן
דאָס מיסט!
— ווער די ערשטע?
— קאָמיוגיסטן!
— פיאָנערן —
מיט!

— ווער די ערשטע?
— קאָמיוגיסטן!
— פיאָנערן!
מיט!
שטורמעווען —
דאָס פלאץ
דאָס וויסטע;
רייניקן
דאָס מיסט!

בײַ דער גראָבער.

זיצט א פולע שול
מיט קינדער,—
און דער לערער
רעדט.
פון זאַוואָדן,
פון דערפינדער,
פונעם סאָצגעוועט.
אז פאר קינדער
רעדט דער לערער
וועגן אונדזער
בוי—
זיצן קינדער,
און זיי הערן,
זיצט מען
אָט אזוי.
ווער מיט ברעמען—
פײַלנבויגנס;
ווער מיט אָפן
מויל.
און אז ס'הערט
א קינד
מיט אויגן,—
איז דאָך אויג:
א קויל!
ווּעמענס אויגן
פינקלען אָבער
שטאַרקער נאָך
פון גלי?
אוי, דער גראָבער,
בײַם דער גראָבער,
זיצט
ווי צוגעשמידט.

פּימקע איז
א גראָבטשיק יאטל:
פּאמפּעמשקעס
און בלוט. —
און א גוורע,
ווי זײַן טאטע —
לייבל „דער לאטוס".

לייבל שוסטער —
בא הערש־קיווען
פֿריִער —
א געזעל.
הענט —
קאלאָטקעס צוויי,
מאסיווע;
און די הויט,
ווי פעל.

ווען הערש־קיווע
האָט געשמוגלט
איבער גרענעץ
כראָם, —
„דער לאטוס"
ארומגעוואָגלט
האָט אף רויטן
פראָנט.

... אוי, אז לייב
אף קרימער וועגן —
אפן פײַנט —
גאלאָפּ!
... אוי, אז לייב
אין טויט־געשלעגן —
הינטער
פּערעקאָפּ!

איז צו וואָס
א טאטנ רימענ? ——
ער האָט גוט
געקעמפט!
איצט —
דערציילט מענ דאָכ
פונ פימענ:
יונג,
אונ הויכ, —
א דעמב!

הענטלעכ—פוכקע;
נאָר ניט ווייכע:
הארט —
פונ שול־ווארשטאט.
אויגנ גוטע —
פרייד,
אונ שמייכל;
איינמאָל שוינ
א יאט!

פימקע הערט,
אונ ס'הערנ קינדער —
פונ דאָנבאס;
טורקסיב.
פונ זאוואָדנ,
פונ דערפינדער,
אונ פונ —
קאָלעקטיוו.

לערער רעדט,
אונ ווײַטנ
פינקלענ;
ווערנ נאָענט,
ליב.

אונ אינ הארצנ
איז שוינ פימקע
ערגעצ —
אפ טורקסיב!..

אונ אינ הארצנ
איז שוינ פימקע
ערגעצ —
אינ דאָנבאס...
ביז דאָס גלעקל —
גלינגא־דלינגא —
קינדער —
אפ דער גאס!

אונטער פאכוועס —
בוכ אונ העפטנ
אונ אהיימ געגאנ.
איינער נאָר —
ווי צוגעהעפט,
ווי צוגעשמידט
צו באנק. ——

— פימקע!..
פימ —
מיט קוילנ־קאָרב איז
פונ א שאכט
ארויס...
אונ אָט שטייט ער
אפ א קאָרפוס
פונ א נײַעמ
הויז!..

אונ אָט רײַט ער
אפ א טראקטער
אינ א קאָלעקטיוו...
אונ אָט יאָגט ער —
רעלסנ, טראקטנ, —

לענגוים
דעם טורקסיבן...

און ס׳דערמאָנט זיך
פּימקע פּלוצים:
— א פאבריק,
מע בויט!

. . . .

דאָ...
אין שטעטל...
און עס טוט זיך!

און דעם אלטן
פּלויט —
האָט מען נעכטן
שוין צענומען...
און געמאָסטן —
מ׳האָט!
איינזשענערן...
אָנגעקומען
פון דער גרויסער
שטאָט!..

— פּימקע!
— פּים!
ס׳האָט דאָט גלעקל
שוין געקלונגען
לאנג!

. . . .

כאפּט ער גיך
זיין ביכער־טעקע,
און א שפּרונג
פון באנק!

און געיאָגט
מיט גאס און געסל:
— קינדער!

וואַרט!
אַ־הו!
פים איז טאַקע
אַ גראָבטשיק
פעסל,
אָבער — פלינק —
אור־אָו!

און אַז פים
פאַרוועט זיך
לויפן —
ווערט ער
דויס
ווי רויז;
און צוויי גראָבע
הענטלעך —
שרויפן —
ווירבלען
אַף פאָרויס!..

און אַ שפרונג
אריבער
גריבער —
מיט צוויי פיסלעך —
גראָב!
פימען
יאָגט ניט
קיינער איבער!
פיע —
פי־יו!
האָפ־האָפ!

מיטן ראָג
געטאָן אַ קערעווע:
— האָ!
דער אויפֿעם שפּאַנט!

אָנגעיאָגט
האָט פֿים די כעוורע;
גייט מען שוינ.
באנאנד.

3

די „ווילדע כײַע".

פֿימקע;
הירשל;
ראדיק;
מײַע; —
גייט מען
אונ מע שמועסט,
קומט אויכ אָנ
די „ווילדע כײַע" —
טענצלט
אפ איינ פֿוס.

װער?
איז װער —
די „ווילדע כײַע"? —
גאַסנקינד —
פֿונ — העט!
צימבל הייסט ער.
מאַמעס שרײַענ:
— היט אײַכ
פֿאַר דעם שעד!

היט אײַכ, קינדער,
פֿאַר דעם ווילדנ!
זעט:
א פֿלאַם אפ־ברענ!
אונ אויכ פֿימעס מאַמע,
פֿילדערט:
— גיי נײַט
מיט דעם ברענ!

און אַז פּימעס מאמע
פּילדערס,—
רופט זיך מאמע
קאַן
— ציםבל—
איז א קינד
מיט קינדער—
זאָל ער זײַנ
אינ קאַנ!

ענטפערט מאמע...
ענטפערט מאמע...
פּיטקענ—
א פארדראָס:
צימבלענ—
קאָנ ער גוט:
א יאסל,
מאקע
א פארלאָזסט,—

אָבער—קלוג,
אונ פּיזיק
זייער!
אונ א האנט—
א בראנד!
שטיקל קויל—
אונ דויטארמייעו'
אויסגעמאָלט
אפ װאנט...

אפ דער ביקס
דער רויטארמייעו
שטייט זיך
אָנגעשפארט...
אונ דערנאָך—

א חײַסנהאַרדײער
אפנ—
סראָטואר!

דזיטאַרמײער—
שלאַנק,
אונ הויכ איז!
אונ דער סוינע—
ליגט...
אונ פונהינטנ—
קוימענס,
רויכעס,
פונ זאַוואָד,
פאַבריק.

אַלצ—
מיט קויל:
א פערד!
א מענטשנ
פאַסנ,
הינ־אונ־הער—
אונ אָט קוקט אראָפּ
פונ הענט שוינ
א סיבירער
בער!..

וואָלט זיכ
צימבל
באָר געלערנט—
אוי:
אוי־אוי,
אוי־אוי!
וואָלט ער זיכער
וועלטנ קערנ
אפ דעם דנעפּערבוי!

אָבער צימבל—
לערנען וויל דען?—
גאסן...
באַנען...
ווײַט...
רופט מען צימבלען:
„ווילדע כײַע",
און די מאמע—
שרײַט.

פּימקע;
הירשל;
ראַדיק;
מײַע!—
גייט מען
און מע שמועסט.
רופט זיך פּים אָן:
—„ווילדע כײַע"!
נו, שוין!
דײַן באַשלוס?

אייביק—גאס —
איז ניט
קיין קונץ דאָך;
נעכט—
אַף קופּעס מיסט!
ווילסטו, צימבל,
זײַן
מיט אונדז דאָ?—
נעמט מען
און מע איז!

שפּײַט אויס צימבל
צווישן ציינער,

און ער ציילט
א וואָרט:
— טצוווּ...
כ׳בין אייַעו׳ער!
נאָר—
די שטיינער
און די גאס—
מייַן אָרט!

ניט געווינט כ׳בין—
טצוווּ—
צו שיכלעך;
קאָלדרע;
קישנס;
רוּ!
ביכלעך,—עכמא!—
זעט איר—
ביכלעך—
עפּשער שפּעטער—
טצוווּ...

ווער עס האָט געלערנט—
האָט שוין!
איך—
פאַראַן נאָך צייַט!
איך באַדאַרף נאָך
זייַן אין סאָטשי...
אונדזער לאַנד—
א חייַטס!

נאָר, נישקאָשע!—
פּיסלעך—
שטאַרקע!
פאַר א נויט—
דער באַן!
כ׳דאַרף נאָך טאָג

א פּאָר
קיין כּארקאָוו,
און קיין קרים—
א שפּאַן!

און דערנאָכדעם,
פים!—
מײַן וואָרט דיר!—
אין ארמיי
איך גיי!
און כ׳פארדין
א רויטן אָרדען,
ג׳עפשער—
גאנצע צוויי!...

וועס מען דארפן, פים—
איז שטענדיק
בין איך דאָ,
און גרייט!
אָט!—
מײַן וואָרט דיר!
נו...
געענדיקט!
... יאָ...
מײַן אדרעס...
שטייט!

געמט פארשרײַבט אים:
ווו נאָר הימל,
ווו נאָר גראָז
און בוים...
... וועט איר דארפן
האָבן צימבלען—
איז א פּײַפ!...
און שוין.

5

ווייניק!

וי ס'איז צימבל
נאָר אוועק,
האָט זיך הירשל
ברייט צעלאכט,
און א פינגער
נאָכגעשטרעקט:
— צימבל!
האָב א גוטע נאכט!
ראדיק—כאָ־כאָ—
שרײַט אי נאָך:
— צימבל!
האָב א גוטע וואָך!

מײַע—כי־כי—
אפ א שטים:
ועסט דאָך, צימבל,
זײַן אינ קרים,
און זיך באָדנ
מינאטטאם—
גריס זשע דאָרט
דעם שווארצנ
יאם!

זע נאָר, זע נאָר,
ווי זיי הירזשענ!
סאָפּעט פימקע—
באקנ רויט.
שעם זיך, ראדיק!
שעם זיך, הירשל!
מײַע!—פּע!
די גרויסע מויד!

אלץ בא זיי
שוינ פיקס־און פּארטיק—

סרייבערט מען
א גאסניאטו!...
איר פארגעסט,
אז הײַנט איז
פרײַטיק!
און ס'א זיצונג
אין אָטריאד!

לאנד אין בוי.
און בוי—
ווי שווער איז!
און אָט מיר דאָ—
ווער־וואָס!..
עט!
... ווערן כעוורע
שטיל און ערנסט:
פים דער גראָבער
רעדט.

און אז פימקע
ענדיקט ריידן—
רופט זיך הירשל
אָן:
— אז מע לאכט—וואָס?
מ'איז ניט גרייט דען?
זאָג נאָר, וואָס צו טאָן!

הײצט זיך מײַע.
אויגן פלאמען:
— פימען—
ווייניק אלץ!
אלע טאָג
פון טאטע-מאמען
ווארעמס כ'האָב
און קאלטס!

טאטע שרײַט:
— ביז זייגער צוועלף
זיצונג... כוידעם...
לאָקש!...
מאמע שרײַט:
מאָכטער!
העלף מיר
בראָקן קרויט
אינ באָרשטש!

פים דער גראָבער
מיינט:
מע הוליעט—
ס'איז אים שטענדיק
קארג!
פים!
געדענקסט, פונ מארט
ביז יולי
איבער טאָל
אונ בארג?

פונ בוריאנעס—
הענט פארוונדעט,
אונ די פיס—
צעדראפעט;
איכ אליינ—
האָב פינעף הונדערט
סוסליקעס
געכאפט!

איכ מיט אלע—
מונטער!
בריגאדיר—
פאָרויס!
פונ די פעלדער
אויסגערייניקט

ביז דער לעצטער
מויז!
אוי, די מאמע
האָט געשפיגנ:
מײַזלעכ גאָר
מע װערגט!
אוי, דער טאטע
האָט געשריגנ:
— לויפט ניט
אפּ די בערג!

נאָר געקעמפט
מיר האָבנ
אײניק,
איבער גראָזנ
גרינ! —
איז דאָס אלצ,
דיר, פּיטקע,
װייניק?

— װייניק! —
ענטפערט פּיט.
. . . . .
שטיבלעכ הויקערס.
נײַע שטיבער.
קוישלעכ.
קװאס.
סיראָפּ.
קלוב.
קינאָ.
כטשושקעס.
גריבער.
קלײטנ —
צעארבקאָפּ.

שנײַדער־שילד.
פארסטריגעס.
וואטע.
פרעסל רויכט
אפ שוועל.
א קוסטאר —
א שנײַדער
לאטעס.
ווײַטער —
אנ ארטעל.
ווײַטער —
שוסטערס באלעגופים;
חײַטער—
אײַנפאָרהויז.
ווײַטער—
קראָענ אינדערלופטנ
איבער פוסטער
קלויז.
אונ אָמ זײַנענ
מירמל־שוועלנ:
קיווע שוסטערס
שטוב.
אויבנ—קיווע;
די בעזעלנ—
אונטנ ווי
פארשטופט.

אונ רעב קיחע—
אלצ א „רעב" נאָכ;
ווערקשטאט,
אונ א קראָמ.
אונ עס שמוגלט
אלצ דער נעפמאנ
טײַערנ לאק
אונ כראָמ

... שטיבלעך הויקערס.
שטיבער נייַע.
פויער־פורנ
שטרוי...
פימקע;
הירשל;
ראַריק;
מייַע;
גייט מענ
אָט אזוי.

. . . .

אויב ס׳איז, פים,
דיר ניט גענוג—אָט!
ס׳איז פאראַנ
נאָכ פיל!
—פים,
געדענקסטו,
ווענ קאָמיוג האָט
אונדז געזאָגט:
—אוטיל!

ווי מיר האָבנ
איבער הויפנ
זיכ געלאָזט,
אונ—עכ!—
גאנצע בערג
אונ גאנצע הויפנס
קופער,
מעש
אונ בלעכ!

פורלעכ האָבנ זיכ
געצויגנ,
ווי א קאַראַוואַנ.
ווו אנ עמער

באָר צעבויגנ,
ווּ אנ אלטער
קראַנ,
ווּ א רייפל,
א פּרוזשינע,
שרויפ
פונ אלטער ראָד;
רינוועס אלטע,
פּושקעס,
שינעס,
קעסטלעכ,
טשײַניקעס,
דראָט!

קאמערס, קעלערס—
אוימגערייניקס,
שטאָל,
קאלאָשנ,
צינ—
איז דאָס אלצ
דיר, פּימקע,
וויינּיק?

—ווייניק—
ענטפערט פּים.

. . . .

קומט אנקעגנ:
גאליע,
פּריסקע,
קארל
אונ איוואנ.
אָפּגעשטעלט זיכ,
אונ באגריסט זיכ,
גייט מענ שוינ
באנאנד.

דײַטשן,
ייִדן,
און אוקראַינער—
יעדער פֿון דער שול:
און —
צו פֿאָרלעכ אויגנ
שײַנען,
פֿאָרלעכ־קוואַל,
קוואַל־פֿול!
— — — — — — — —

— פּים!
געדענקסט די שול־ספּעקטאַקלען?
— שאַ!
און מאָפּער־וואָכ?
— פּים! יאָמקיפּער —
צוג פֿונ פּאַקלען!
— פּים!
און ראָזשדעסטוואָ!

— שאַ!
און טארע;
זעק;
ראַגאָזשעס;
— שאַ!
און פּרעסע־טאָג!
— אַלצ נאָכ ווייניק?
וואָס זשע,
וואָס זשע
פֿעלט נאָכ, פּימקע?
זאָג!
— — — — —

פּימקע;
קאַרל;
מײַע;

פריכקע;
ראדיק;
אונ איזאנ; —
איז מענ שוינ
באמ פלאצ
באמ וויסטנ,
ווו צעלייגט
דער צאמ.

וויַזט אָנ פינקע
מיט א פינגער,
אינ מיט אויגנ־טוי:
אפ דעמ פלאצ
דעמ וויסטנ,
קינדער —
וועט דאָכ זיַינ
א בוי!

א פאבריק
מע וועט דאָ
בויענ!
אָט איר זעט:
מע מעסט!
נו, אונ מיר — וואָכ?
גלאט אזוי־אָ?
קוקנ, ווי די געסט?

הענט פאראנ בא אונדז
מיט אקסלענ?
אונ א ווילנ
אויכ? —
אז א קוימענ
דארפ
אויסוואקסנ,
אז ס׳זאָל גייִנ
א רויכ!

וועט הערש־קיחע
זיכ דענ לאָזנ?
וועלנ סאָנים—שא?
אויג מיט סינע
אָנגעגאָסנ —
וועט דענ קוקנ
גלאט?

צי דענ איינמאָל
באלעגופּ האָט
אונדזער וועג
געשטערט?
ווענ פּארטיי
געטאָנ א רופ האָט:
— שטורמעווענ
די ערד!

אונ אז סאָנים
וועלנ שטערנ —
— קאָמיוגיסטנ —
וואכ!
אונ אז סאָנים
וועלנ שטערנ —
— שלאָג־בריגאדעט —
שלאכט!

אונ אז סאָנים
וועלנ שטערנ —
— צענ מאָל —
קאמפּ אונ מי!
ווּ זשע זײַנענ
פּיאָנערנ?!
ווּ זשע זײַנענ
מיר?!

העי, כעוורע!
העלפּנ בויענ!
העי, כעוורע!
העלפּנ קאָווענ,
טעסענ,
באַם ווארשטאַט!
גו, געגאַנגענ!
אונ אינאָוונט —
אַלע —
אינ אָטריאַד!

מירנ דאָרטנ
נאָכ א רעד טאָנ
וועגנ
דער פאַבריק!
וונע דאָס גאַנצע לאַנד
פאַרוועט זיכ,
גאַנצע לאַנד —
צעוויגט —

וזי זשע קאָנענ מיר,
אשטייגער,
בלייבנ
אָנ א זייט!
איז געדענקט זשע:
זעקס אזייגער!
אַלע —
צו דער צייט!

— — — — — —

איז מענ נאָכ
אזוי געשטאַנענ,
באַם צעלייגטנ
פלויט.
גאָר צו פּאָרלעכ אויגנ

פלאמען —
האָבן שוין
געבוזים!

האָבן שוין
דאָס פלאַץ
געשטורעמט;
רישטאָוואַניעס,
רעלסן,
האָבן ציגל
שוין געפּורעמט!
און משוהוג —
געשמעלצט!
— ניין, ניט דאָס!
ניט שמעלצן, פורמען!
ניט פאר אונדז
איז דאָס!
מיר — צום ערשטן
דארפן שטורמען
פלאַץ
פון ווילדן גראָז!

פלאַץ
פון מיסט,
פון ברוך,
פון וואלגער —
דארף מען מאכן
ריין!
וועלן מיר
דאָס טאָן
אין פלאקער
און געשמירטער
ריי!

קוקן קינדער
חיים...

אפ מײַלן...
קוקט מען הייס,
און — שא...
פּלוצים —
אזא כאָר
מיט מײַלער —
זיך צעשאלט:
— הוראַ!

6

אן „אַרטעל"

הערש־קיווע. —
א מענטשל, א דריבנער,
א דריבנער, א דארער,
א דארער, א קוואדער,
א בערדל, א סיווע —
הערש־קיווע.

הערש־קיווע —
א שוסטער,
דער רײַכסטער
פֿון געסל, —
א פּײַנ
באלעבעסל, —
א [illegible]סטער.

א שטוב
מיט צוויי גאָרנס;
מיט גאָפּרענע
שכאָרנס.
שוין איינמאָל
א שטיבל —
א מוסטער
הערש־קיווע —
א שוסטער.

און ווײַפּל
פּאָר שטיוול
פֿאַרקויפֿט
ס'האָט הערש־קיווע —
אַזוי פֿיל
פּאָר געגנדזלעך
געפּרעסן־געגעסן,
און כרעמזלעך,
און קעזן,
געגעסן־געפּרעסן;
און גריוונס,
און פֿלוסטער —
הערש־קיווע —
אַ שוסטער!
און ווײַפּל
פּאָר שטיוול
פֿאַרקויפֿט
ס'האָט הערש־קיווע —
אַזוי פֿיל
פּאָר עמער
געזשליאָקעט
מיט בראָנפֿן.

נאָר ס'האָט ניט
געהאָלפֿן
קיין געגנדז
און קיין לעמער;
קיין גריוונס,
קיין פֿלוסטער!
געבליבן־פֿאַרבליבן
אַ מענטשל, אַ דריבנער,
אַ דריבנער, אַ דאַרער,
אַ דאַרער, אַ קוואָרער —
הערש־קיווע —
אַ שוסטער!

א שוסטער,
וואָס איז ניט
געזעסן
באַם בענקל
מיט דראטווע
און שטיפטן;
א שוסטער,
וואָס האָט
מיט זיַין שוויים
ניט באשפרענקלט
דעם ראנד
פון א שטיוול.

א שוסטער —
צעפוצטער,
אין ריפסענעם
רעקל,
אין שניפסל
מיט קראטן,
מיט זייגער,
מיט גאָלדענעם;
גאָלדענע קייט, —
האָט ער אין קלייט
זיך געדרייט
ווי אן אוישער,
מיט זילבערנעם
שטעקל;
און האָט
אין די טאשן
די קערבלעך
געפעקלט,
פאר לעדער,
פאר שמוכסן,
פאר אָקסענע פעלן,
פאר שיך און קאמאשן,

װאָס לײב „דער לאַטוט״
מיט כאווידימ — געזעלנ
האָבנ געפלעקלט
בא קיװענ
אינ קעלער.
אזוי
איז געװענ
צופריער
מיט יאָרנ.
איצט —
א קוסטאר
איז הערש־קיװע
געװאָרנ...
מיט שוטפימ
מיט זעקס,
מיט זעקס ספעקוליאנטנ
פונ לעדער
אונ פעל —
האָט קיװע
בא גלעזעלע װײַנ,
מיט געבעקס —
געמאכט
אנ ארטעל.
אוי-אוי —
אנ ארטעל!
כא־כא —
אנ ארטעל!

פונ באלעגופימ,
גאנאָװימ,
אונ נעפמאנס,
װאָס האָבנ
פונ אָרעמע
שוסטערס
אונ שטעפערס

געמאכט
א טיל־טעל,
און געמאכט
א טיל־טעל!

און, אוי —
אנ ארטעל!
כא־כא —
אנ ארטעל!
די אָרעמע
האָבנ
געזעצט זיכ
באם בענקל,
פארקאטשעט
די ארבל;
און האָבנ מיט שווייס
די פאָדעשווע
באשפרענקלט,
און האָבנ
געארבעט;

און קיווע,
הערש־קיווע —
מיט שוטפים, מיט זעקס,
האָבנ
בא גלעזעלע וויַינ,
מיט געבעקס,
גערעכנט,
געכעזשבנט:
וויפל און וויפל
באקומענ
דארפ יעדער
געגאנוועטע שטיקל,
און יוכטענע
לעדער!
און וויפל פאָדעשוועס,

און לאַק, —
און שאַוורעַ,
און כראָמענע פעל, —
און, אוי —
אַנ אַרטעל!
כאַ־כאַ —
אַנ אַרטעל!

ט.

טיק־טיק

האָט זיכ פימ
אהיימ געקײַקלט
מיט דער שוסטער־ליק.
און אינ הארצנ —
ווי א פײַקל:
טיק! —
פונ גליק —
טיק־טיק!
... שוסטערלעכ־קוסטאַרעלעכ!
וואָס ווייסט איר דענ
פונ גליק? —
ווענ ביז אונטער
כמאַרעלעכ, —
א נײַע
שוכ־פאַבריק!
... שוסטערס־באַלעגופימלעכ!
אוי, חעמ זײַנ
א זיג!
ווײ צו אײַכ,
אויב פרווונ זיכ —
שטערנ
דער פאַבריק!
כ׳ווייס, הערש־קיווע,
סוינע דיִ,

דו וועסט מאכן
שטיק!
ווײַל און ווײַל
עס לוינט ניט דיר
אין שטעטל
א פאבריק!

וועט דער קאמף זײַן
שטארקער נאָך,
און האסטיקער
די קריג,
ביז דו וועסט
פון מארק אראָפ
און ביז צו ענד
באזיגט!

האָט זיך פּים
אהיים געקײַקלט
מיט דער שוסטער־ליק.
און אין הארצן —
ווי א פײַקל:
טיק! —
פון גליק —
טיק־טיק!

. . . .

אינעם בוי־פּלאן
אײַנגעשלאָסן
ס'קליינע שטעטל
אויך.
א פאבריק
מע וועט
דאָרט לאָזן,

אַז —
ס'וועט גיין
אַ רויך!
שמיבלעך הויקערס.
נייַע שטיבער.
קוישלער.
קוואַס.
סיראָפּ...
קלוב.
קינאָ.
סטעזשקעס.
קלייטן —
צעאַרבקאָפּ.
פון קאָלווירטן —
פויער־פורן;
וועגענער מיט שטרוי,
זעצט די זון זיך;
שטראַלן־שנירל —
מעסטן אויס
אַ בוי.

מעסטן אויס אַ בוי
אַזאַ מין;
בוי —
פון זון,
און גין.
אין אָטריאַד —
אַ קינדער־זאַמל,
ס'רעדט
דער גראָבער פּיס.

אינ אטריאד —
א קינדער־זאמל,
ס'רעדט
דער גראָבער פּים.
אוי, א בוי,
א בוי,
אזא מינ;
בוי —
פונ זונ,
אונ גינ!

1929

א שלאכט בא קאמענסק.

דנעפּרבוי,
סווירבוי,
און קאמענסק,
באם דנעפּער.
ענערגיע
דער שטאָט,
און ליכט
פאר די דערפער!

איז אָט —
וועגן קאמענסק,
וואָס שטייט
בא דעם דנעפּער, —
א ליד
וועל איך זינגען,
א ליד
וועגן קעמפער.

דאָס ליד
פון די שלאָגלער,
געווען איז
א פלאמיקס;
עס האָבן
געארבעט
די שלאָגלער
פון קאמענסק!

עס האָבן
די שלאָגלער
דעם דניעפּער
געשטורעמט, —
ברעגן בעטאָנענע,
קאָרפּוסן,
טורעמס!

האָט עס, אפּאָנעם,
דעם דנעפּער
פאַרדראָסן,
דערפאַר,
וואָס מע האָט
אין בעטאָן
אים געשלאָסן.

איז פרילינג
געקומען,
מיט שלאָגלערשע לידער,
מיט זון
און מיט בלומען,
און צוויטשקן
פליטער.

האָבן
די ביימער
דערוואַכט
פונעם דרימל,
און צווייגן,
ווי אָרעמס
געשטרעקט
צו דעם הימל.

אין אַפּריל־פאַרנאַכטן,
אין מײַ־אינדערפריִען,
האָט אויך
דער דנעפּער

גענומען
זיך ציִען...

און האָט זיך
געצויגן
אַריבער די ברעגן,
און איבער
די בריקן,
און איבער
די וועגן.

און האָט שוין
דערגרייכט
ביז די פאָדערשטע
פּאָסטנס,
און האָט זיך
שוין אַף די
באַראַקעס
פאַרמאָסטן.

אַ ליאַרעם
געוואָרן
אין דער קאַזאַרמע, —
בײַ די בעטאָנער
געוואָרן
אַ ליאַרעם!

אַ ליאַרעם
געוואָרן
אין קוזניע,
אין גוס־צעך:
— דער דניעפּער!
דער דניעפּער!
דער דניעפּער
צעגיסט זיך!

האָבנ די
קאמענטקער שלאָגלער
די ערשטע
געלאָזט זיכ
צום דניעפּער,
דעם דניעפּער
באהערשנ!

זײַנענ
די ערשטע
געווענ קאָמיוגיסטנ—
א שלאכט
מיטנ דניעפּער,
אפ שפּאנ
אונ אפ פיס־טריט!

— קיינ איינציקנ
שפּאנ,
קיינ טורבינ,
אונ קיינ טראָפּל—
מיר וועלנ ניט
לאָזנ
אינ שלונג
פונעם דנעפּער!

קיינ איינציקער
פראָנט,
אונ קיינ איינציקע
ליניע,—
וועט פונעם דניעפּער
ניט ווערנ
פארכלינעט!

מיר האָבנ
געארבעט,
אונ האָבנ
געבויעט

אזוי ווי עס האָט
די פּאַרטיי -
אונדז פאַרטרויעט!

עס שטורעמט
דער דנעפּער,
און רײַסט זיך
אין שלאַכטן, —
אין אַפּרעל־פּאַרטאָגן,
אין מײַ־אָפּדערנאַכטן.

אזוי ווי א כײַע,
פאַרוווּנדעט,
צעשראַמיקט, —
עס צאָרנט
דער דנעפּער,
און שטורעמט
אַף קאַמענסק.

אין ווער
וועט זיך לאָזן
אין שלאַכט
אַף דער כײַע? —
עס וועלן
זיך לאָזן
די שלאָגלער,
די טרײַע,

עס גיט שוין
סיגנאַלן
דער וועכטער
פון טורעם
ווער וועט
אין שטורעם
זיך לאָזן
אַף שטורעם?

אהא, קאמיוגיַסטנ!
זיי גייענ!
זיי גייענ!
אקסל־בא־אקסל,
אונ רייענ־בא־רייענ,

עס וואקסנ
די פראָנטנ,
אינ ציל־־
די געווערנ!
אונ וווּ—
אונ וווּ זיַינענ עס
די פּיאָנערנ?

פונ סורעמ
דער וועכטער —
סיגנאלנ,
טרומייטער:
— אָט גייט
אנ אָטריאד,
אונ אָט גייט שוינ
א צווייטער!

א צווייטער!
א פערטער,
א זעקסטער,
א צענטער!—
פאָרויס!
דער קאָמיונג;
פּיאָנערנ—
אינ צענטער!

אונ אונטנ
די זיידעס,
די מאמעס,
די טעכטער!

סיגנאַלן;
טרומייטער, —
פון טורעם —
דער וועכטער:

אין אָנגרייפ!
א—ט—א—ק—ע!
פאַרהיט
די באַראַקעס!
שלאָגלערס!
די פלעקער!
קאָמיוגיסטן!
די זעק ערד!

און ס׳פלאַקערט
די שלאַכט שוין
אַלץ ברייטער
און ברייטער, —
פון טורעם
דער וועכטער —
סיגנאַלן;
טרומייטער:

— אהערצו! אהערצו!
אהער —
מיט די קירקעס!
אין א געפאַר
דער דריטער
באַצירק איז!

און ס׳פלאַקערט
דאָס שלאַכט־פעלד
צעכוואַליעט
און פלאַמיק:

די שלאָגלער —
אפ דנעפער;
דער דנעפער —
אפ קאמענסק!

— אהערצו! אהערצו!
אהער —
מיט די קירקעס!
אין א געפאר
די זיבעטע
בריק איז!

א טאָג
און אַ נאכט, —
און געקעמפט
האָבן קעמפער, —
ביז מ'האָט געצוימט
און געפענטעט
דעם דנעפער!

— העי דנעפער,
העי, דנעפער!
דו וועסט ניט
פארגיסן!
מיר וואכן,
מיר וואכן,
מיר, קאָמיוגיסטן!

און וועט נאָר
א סוינע
ארויס פונעם לאָקער, —
מיר וואכן,
מיר לענינשע
שלאָגלער!

און וועט נאָר

א טוינע

אַונדז פרוווּן

צו שטערן, —

מיר וואַכן,

מיר וואכן, —

מיר, פּיאָנערן!

1931

צו מײַן זון.

מאריק, דו,
מײַן זון!
ביסט נים לאנג געבאָרן, —
און דײַן
ערשטער יאָנטעוו
איז אָקטיאבער —
הײַאָר!
איך —
דײַן טאטע,
אלס בין
פיר און דרײַסיק יאָרן,
און אָקטיאבערס —
דרײַצן,
דעם דרײַצנטן —
איך פײַער!

דרײַ־פיר צענדליק
פאָנען,
כ'וועל נאָך, מאריק,
אופציִען, —
ווײַל כ'האָב
פעסטע מוסקולס,
און ווי בראָנזע —
ריפּן!
איך —
וועל נאָך

דערלעבן,
ביז אָקטיאבערס
פּופּציק,
איך —
וועל נאָך
דערלעבן,
מיט לידער
אפ די ליפּן.

אוי, עס וועלן
זיַין נאָך
ביטערע געפּעכטן!
וויַל פּינעפ
זעקסטל וועלט
איז נאָך
בא בורזשויען!
מאריקלעך,
איר ליבע,
קליינע זין,
און טעכטער!
איר —
וועט ביז צו ענד שויב
דערקעמפן
און דערבויען!

גרייט אייַך,
זין און טעכטער,
צו מאָרגנדיקע
שלאכטן!
צו דעם לעצטן
קאמף
פון נעגערס
און פון קוליס!
טאטעס —
זיַינען גרייט,

אין זאוואָד,
אין שאכטע;
אין אָטריאד —
די קינדער,
און אין פאבזאוושולן!

ס'איז אינדרויסן
הארבסט,
און אין הארצן —
זומער!
אינעם גרעסטן יאָנטעוו
פון אלע,
אלע צייטן!
קוק איך
אף דיר,
מאַריק, יאָנטעוודיקער
זון מיינ,
און עס איז מיר
ווארעם:
דו —
וועסט מיך
פארבייטן!

וואָס דו וועסט
א וואקס טאָן,
וואָס פון דיר
וועט ווערן —
וואָלט איך
וועלן טרעפן,
וואָלט איך
וועלן וויסן!
איינס
איז מיר שוין קלאָר:
ווי אלע
פיאָנערן,

דו —

מײַנ זונ,

װעסט זײַנ:

דער זונ

פונ סאָציִאַליזמ

1930

װעדינג אין מײַ.

װעדינג, װעדינג, —
א פּלאַץ אזא
פאראַנ
אין בערלין.
װױנען
אין װעדינג
ארבעטער־טאַטעס
און ארבעטער־זין.

און נאָענט
פון װעדינג —
א הױפּ
און א װאַנט, —
א װאַנט
פון גראַניט.

און אױס־עס —
שװאַרצע,
אַפּ טױערן —
בראָנזע:
מ—אָ—א—ב—י—ט.

אז װעדינג
צעװיגט זיך
מיט ארבעטער־רײען,
מיט קאָמוניסטנ,
מיט קאָמיוגיסטנ
און מיט פּיאָנערן,

ווי ס'וויגגן זיך
יאַמען
אין זוניקן לויטער
פֿונעם באַגין, —
ציטערן הערן,
ציטערן דאַמען,
און ס'טראָגט זיך
אַ שווידער
איבער בערלין.
אַז רוישיק
און ראַשיק
יאָגן אָן
רײַטער
מיט דאָפּלטע דאַשעקס,
מיט גלאַנציקע שטיוול,
מיט העגעטשקעס ווײַסע,
אויף בלוטיקע
הענט —
געשיקט פֿון צערגיבלען,
פּאָליצײַ־פּרעזידענט;
אַז וועדינג
צעוויגט זיך
אויף גאַסן
פֿון מײַ, —
איז דאָס,
אוי ברידער,
און איז דאָס
אַ יאָנטעוו,
און איז דאָס
אַ פֿרילינג,
פֿון זון
און פֿון לידער,
פֿון בלוט
און פֿון בלײַ!

װעדינגו װעדינגו
א פּלאַץ אַזאַ
פאַראַן
אין בערלין,—
װעדינג
אין מײַ
שװײַגט!
שװײַגט!
אַכטונג,
די אַרבעטער װעדינגס,
די לענינשע זין,
גײען
אין שלאַכט!
גײען
אַף בערלין!

שװײַגט!
שװײַגט!
אַכטונג,
אַכט!
דאָס ראַטפּראָנט־ליד
שטורעמט
די טורמע
פון מאָאַביט!

אונטער
דידאָזיקע װענט
פון פעלז
איז דאָס
געזעסן
אונדזער מאַקס העלץ!
שװײַגט!
שװײַגט!
אַכטונג,
אַכט!

שטרײַק!

שטרײַק!

מײַ! מײַ!

בלוט!

בלײַ!

שלאכט!

די ארבעטער—

װעדינגס,

גייענ

אינ שלאכט!

די לעגינשע זיינ

גייענ

אפ בערלינ!

1931

דאָס מײַ-ליד פונעמ לופטפליִער

טיפער העי,
מײַנ לופטמאשינ,
בלויע ברייטנ,—
רײַס!
ס'איז פונונטנ דאָכ
מײַ־שײַנ;
שוינ אינ לופטנ
מײַ איז!
שוועב זשע,
העכער,
מײַנ מאשינ,
ברייטער
מאכ דעמ קרײַז!

אופגעווירבלט
כ'האָב דעמ שרויפ—
רעדער מײַנע,
לויפט!—
גרייטע מײַנע קאָמפאָסנ!
לאָמיכ,
לאָמיכ
טאָנ א קוק
אפ פאלטאווע,
אפ פרילוק,
אפ לוגאנסקער
קאָרפוסנ!

פליגל!
פליגל!
טראָגט מיכ פרײַ!
איבער קעפּ,
און ליד,
און פאָנ!
לאָמיכ,
לאָמיכ,
ערשטנ מײַ,
זעג מײַנ לאנד
פונויבנ אָנ!

דערפער, שטעט,
און שטעט,
און דערפער;
בריקנ,
ברונעמס,
ביימער!
אוי א קוק טאָנ,
ווי אינ דנעפּער,
שפּיגלענ זיכ
די רוימענ!
אוי, א קוק טאָנ,
ווי אינ דנעפּער,
שפּיגלענ זיכ
די קוימענס!

אָט איז כארקאָוו!
ס'איז דאָנבאס!
מאָסקווע!
אלמע־אטע!
און אָט איז,
און אָט איז,
אולאלא!
אולאלא!
הויפּטשטאָט פונ אוקראַינע!

פלי, מאשינ מײַנ,
פלי, מײַנ שוואלב!
איבער
נאפט־פּאַנטאנענ!
פינעפיאָר —
אינ צווײ מיט א האלב!
קאפיטאנ! —
פאראנענ!

זײַ געגריסט,
גראָזנע דו!
אונ געגריסט
זאָלסט זײַנ,
באקו!
שטאָלצ
פונ מײַנע ראטנ!

פלי, מאשינ מײַנ!
טראָג מיכ
פרײַ!
אונטער זונ
פונ ערשטנ מײַ!

זונ!
זומער!
זינגענ
זינ!
טאטעס,
מאמעס,
ענטפערנ!

קעמפערס זײַנענ:
טאטעס, זינ;
מאמעס, טעכטער —
קעמפערנס!

זון!

זומער!

זינגען

זין!

לענג—

ברייט—

הער—

הין—

גאסן וויגן זיך

ווי אימען!

פאָנען!

פאָנען!

פאָנען פֿלאַמען!

און פונויבן—

מײַן מאשין!

איבער גאסן!

איבער פראָנטן!

איבער מײַ!

און איבער יאָנטעוו!

פֿלי, מאשין מײַן,

טראָג מיך

פרײַ!

אונטער זון

פון ערשטן מײַ!

לאָמיך זען,

לאָמיך זען,

ווי קאָלווירטן

זייען ברויט!

לאָמיך זען,

לאָמיך זען,

ווי דער בויער־שלאָגלער

בויט!

וואָכן,

וואָכן,

כ׳וועל באוואכנ
פונ־דער לופטנ
אלע שליאכנ,
אלע שליאכנ,
אלע טראקטנ
יעדנ קוימענ,
יעדנ טראקטער,
יעדנס בריקל,
יעדע גרענעצ!
אונ וועט פרווונ
שטערנ עמעצ—
יענעמ—
טויט!
יענעמ—
טויט!
טיפער, העי,
מײַנ לופטמאשינ,
בלויע ברייטנ,—
רײַס!
ס׳איז פונונטנ דאָך
מיר־שײַנ;
שוינ אינ לופטנ
מיר איז;
שוועב וַשע,
העכער,
מײַנ מאשינ,
ברייטער—
מאכ דעמ קרײַז!

1931

דאָס ליד פונ ערשטנ מײַ.

1

זיי גייענ!
זיי גייענ!
זיי פלייצנ
מיט פאָנענ —
די לענינשע טעכטער!
די לענינשע זינ גייענ!

זינגענ
סאָפּראַנעס
אונ אלטנ —
שטימענ מיליאָנענ,
פונ פיאָנערנ,
אווו זיכ געפינענ נאָר!

אונדזערע קינדער,
וואָס זינענ,
וואָס זינגענ
אינ ערשטנ מײַ,
פונ שלוס־יאָר.
פונ פינפיאָר?
ווי זינגענ
אזוי:
— הײַנט —
פארענדיקט
דנעפּערבוי!

הײַנט —
פֿארענדיקט
טורבינבוי!
הײַנט —
מיליאָנען הא
פֿארזייט!
הײַנט —
פֿרייד!
הײַנט —
שײַנט!
נײַע, נײַע מ. ט. ס.—
נײַע שטאפּלען
פֿירן פֿעסט
דורעך ארץ,
קוילן,
דאמף;
דורעך שלאכט,
דורעך קאמף;
דורעך אופשטײַג
מאסקווע —
צו דעם צווייטן
פּינפּיאָר!
צו דעם לאנד
אנקלאסעווע!

מיר! מיר!
פֿון פּאבזאכשול!
מיר! מיר!
פֿון אָטריאד! —
אז די הערצער
זײַנען פֿול,
פֿול מיט מײַ,
מיט ווג,
מיט העל;
פֿול מיט פֿלאם,

פול מיט טאַט, —
ווי די טאַטעס אונדזערע—
פאַרעקשפּער ריזן!

מיר! מיר!
וועלן זײַן —
קאַדרען —
פון דער נײַער שײַן!
קאַדרען —
פון דער נײַער וועלט!
זין —
פון קאָמוניזם!

וואָס זינגען,
וואָס זינגען,
אין ערשטן מײַ —
פּיאָנערן
אין לענדער —
פון לאָרד,
אין לענדער —
פון מאָרד,
אין לענדער —
פון רויב,
אין לענדער —
פון געלב פאַראַט
און פאַרקויפן?

זיי זינגען
אַזוי.
— הײַנט —
פאַרלאָשן
נאָך א דאַמנע,
נאָך געשלאָסן
א זאַוואָד!

פולע שפּײַכלערס,
פולע קראָמען, —
און דער הונגער
שפּרײַזט
אין שטאָט.

זיך געהאנגען;
זיך דערשאָסן,
נאָך א פּאָר
באַנקירן הײַנט!
הײַנט —
זיך נאָכאמאָל
געגאָסן
בלוט אין גאס —
אין קאמף
מיט פֿײַנט!

דורעך קוילן,
דורעך קראמפּ,
דורעך שלאכטן —
דורעך קאמף;
דורעך מאסקעס
גאזעווע;
דורעך שטרײַקן,
דורעך פּאראט,
הונגער־מארשן,
באריקאדן;
דורעך אופשטאנד
מאסעווע! —
א גרוס
צו אונדזער
פאָטערלאנד,
וואָס גייט פאָרויס
מיט דרייסט,
מיט האסט,

מיט לעבינס פאָנ

אינ האַנט
געפּאַסט,
מיט פעסטנ טראָט,
דער טראָט
פונ קלאַס,
צו צייטנ, —
צו אָנקלאַסטווע!
א גרוס!
א גרוס!
פונ אונדזער מײַ!
מיר קעמפנ ערשט
צו ווערנ פרײַ, —
מיר וועלנ עס
דערקעמפנ!

מיר! מיר!
פונ לאַנד,
פונ לאָרד!
מיר! מיר!
פונ לאַנד
פונ מאָרד!
פונ קריזיס
אונ פונ שטורעמס!
מיר! מיר!
פונ הונגער־גאַס!
מיט הערצער
פולע, —
פלאַם אונ האַס,
ווי טאַטעס —
אינ די טורמעס;
ווי מאַמעס —
קעגנ שפּיזנ! —
מיר! מיר!

װעלן זײַן
קאַדרען
פֿון דער נײַער שײַנ!
קאַדרען
פֿון דער נײַער װעלט,
זין —
פֿון קאָמוניזם!

.1932

א וויגליד אינ קאָלווירט.

אָט אזוי:
אינ קאָשעקל —
וועט דאָס זייַנ
דייַנ וויג.
דו, מייַנ בלאָנדער לאָשעקל —
ליג זשע רויִק, ליג.

ס'שלאָפט שוינ לאנג
דאָס הינדעלע,
אינ קאמער
אפ איינ פוס;
שלאָפ זשע אויכ,
מייַנ זינדעלע, —
מאמע רוענ מוז.

ס'שלאָפט שוינ לאנג
דאָס פויגעלע,
אפ בוימעלע,
אפ דאכ;
נאָר ארום
די סטויגעלעכ —
דער באלעגופ
איז וואכ...

פונעמ שטורקאצ
נאכט איז רויט;
רויט ווי בלוט
די לופט...

אָנגעצוגדנ
אונדזער ברויט,
האָט דער באַלעגופ!

אָט אזוי:
אינ קאָשעקל
וועט דאָס זײַנ
דײַנ וויג.
דו, מײַנ בל[illegible]יער לאָשעקל —
ליג זשע רויִק, ליג.

ס׳איז פאראנ
פיל ארבעט דאָכ;
דארפ מענ
אופשטײנ פרי:
אינעמ פעלד
די גארבעלעכ, —
סארא שווערע מי׳

מאמע אפ קײנ רעבעלע
פארגעסט ניט —
אויכ די היימ;
פונעמ בארג
א וועגעלע
פיר איכ
פול מיט ליימ.

וואסער,
שטרוי,
אונ זאמדעלע —
אונ דאָס ליימ
צעווייקט;
באַרוועס טאנצט
דײַנ מאמעלע
אינעמ גאָלדנ טייג...

שטיבעלע
מיט גאניקל
דארפ מען
שמירן שוין; —
שלאָפ זשע,
מײַן בולאניקל,
שלאָפ זשע,
מײַן פארשוין.

בוימעלעך, אוי, גרינינקע,
עפּל, אבריקאָס;
ס'האָט מײַן בלאָנד מעזיניקל
א קורנאָסע נאָז.
טאַטע
פארן פענצטערל,
פלאנצט
א בארנבוים; —
ביסט דאָך, ביסט,
מײַן קלענסטער זון,
שלאָפ זשע,
מײַן פארשוין.

ווען עס וועלן
בארעלעך
וואקסן פאר דער שויב
וועסט שוין זײַן
א גווארעלע,
א יאַטעלע,
און שוין!

מיט א בײַכל
נאקעטן,
מיט א הוילן סטאָן —
וועסטו
אפּן טראקטערל
זיצן אויבנאָן!

װעט ניט לאנג געדויערנ—
רײַטסמו
אפ א פערד,
אונ עס װאקסט
א פויערל
אפ קאָלװירטיש ערד!

פונעמ שטורקאצ —
נאכט איז רויט!
רויט װי בלוט —
די לופּט, —
אונ דעמ לעצטנ קלאפ
אפ טויט —
גיסט
דעמ באלעגופ!

מאכ זשע צו
די אויגעלעכ,
אופשטײנ
דארפ מענ
פרי.
אינעמ פעלד .
די סטויגעלעכ —
טארא שװערע מי!

.1930

באָלשעוויסטישער דריטער

נאָכ יונג איז דער פראָסט.
אונ דער שניי
בלאַנקט נאָכ
מיט פרישקייט:
— פעווראַל ערשט!
אונ ס'קלינגט שוינ
דאָס ליד
פונ פארזיי;
פונ פרילינג —
דאָס ליד
פראָלעטארישע!

— צי הערסטו, קאָלווירטלער?
— איכ הער!

— העי, טראַקטעריסט!
— פאראנ!
מיד גרייטנ
יאנוואר
דאָס געווער!
דעם טראקטער!
דעם דריל!
דעם געשפאנ!

— העי, סטעלמאכ.
פונ דאָרפ!
— אפ מיינ פאָסט!

— העי, שמידנ,
דעם בלאָזאק!
— אָט!

מיר גליִענ
די שינעס

אינ פראָסט
מיר טעסלענ
אינווינטער
די ראָד!

— העי, קאָמיוגיסט!
— איכ בינ דאָ!
העי, פּיִאָנער!
— שטענדיק גרייט!

— מיר וועלנ
צום דריטנ מאָל
זייענ
נאָכ מער,
ווי מיר האָבנ
געזייט!

— באָלשעוויסטישער
— דריטער
— פארזייִ!
נאָכ האסטיקער
זייַנ וועט
די שלאכט!
פאר זעק
פאר מיליאָנענ
מיט ווייצ!
פאר טויזנטער
באנענ
מיט פראכט!
פאר יעדנ
צעוואלגערטנ

פלויט,
וואָס ברייטערט
דאָס פעלד
פונ קאָלווירט!
פאר יעדערנ —
קערנדל
ברויט —
פונ ציינער,
כאוראשקעס,
פארהיט!
פאר יעדער
ראָגאָזשע
אונ זאק!
פאר יעדערנ
קויש
אונ ברעזענט!
פאר דעמ,
אז קיינ איינציקער
זאנג —
גיט צומ קולאק
אינ די הענט!

אפ פאָסטנס
פונ פרילינג —
אפ וואכ!
אזוי —
האָט באפעלט
די פארטיי!
ווינטער —
דעמ פרילינג
א שלאכט —
— באָלשעוויסטישער
— דריטער
— פארזיי!

זיבנ מעסערס

1

טשענ־טשאנ־טשוב
פונ שאנדונ,—
אפ די מארקנ—
בארוועס,
הויל.
ווארפט ער
מעסערס
אינ דער זונ—
אונ ער כאפט זיי
מיטנ מויל.

כאפנ מעסערס
מיט די ציינ—
טאקע א קונצ.
אונ טאקע
שיינ...

נאר פארוואס זשע
אונ פאר וועג
איז ער שטענדיק
נאר פארטראכט;
אונ די אויגנ זײַנע—
ברענ,
ווי צוויי שטערנ
אינ דער נאכט?
זיבנ מעסערס

קלינגל־קלינג—
פליִעג
זיבן מעסערס
פלינק.

טשען געדענקט
זײַן באלעבאָס:—
בלוט
און ווונד
און ריטשקעס שווייס.
אָט פאר וועז
און אָט פארוואָס,
טשען
איז שטענדיק
שטיל
און בייז.

איצטער—
איז ער
גרוי און אלט,
נאָר זײַן צאָרן
ברענט נאָך אלץ.

טשען־טשאן־טשון—
אמאָל געדינט האָט
פאר א קולי,
פאר א קנעכט;
און זײַן האר—
א מאנדארין,
איז ווי אלע הארן
שלעכט.

אין א ריקשא—
פליוש און זײַד—
זיצט ער
אויבנאָן
און שרײַט:

—גיכער, קולי!
יאָג אהינ!
גיכער, קולי!
יאָג אהער!
הער־אונ־הינ,
אונ מאנדארינ—
פעט אונ שווער
אזוי ווי א בער!
טריט אונ טריט,
אונ טראכ,
אונ טרײַב,—
טראסקעט בײַטש
אפ קולים לײַב.

טראסקעט בײַטש
א יאָר
אונ צוויי,
פונ פארטאָג,
ביז אפדערנאכט;
טעג,
ווי קליי,
אפ וועג
פונ וויי,
ביז—
פארנאכט,
אהיים—פארשמאכט.

ביז—
אהיים—
צו קינד
אונ ווײַב;
פיס,
ווי, ליים—
אונ ס'צינדט—
דאָס לײַב.

וויינט אין ווינקל
קולי'ס זון:
—מאמע...
הונגער...
גיב מיר ברויט...

קוקט דאָס ווײַב
אפ טשען־טשאן־טשון:
הויט—
פארבלויט
פון ווונד—
פון ווונד—
און נויט.

שווײַגט דער קולי,
ליפ פארבײַסט.
בית קיין ברויט,
און ניט קיין רײַז.

איינמאָל—
אין א שיינעם טאָג—
מאנדארין—
אין ריקשא זיצט
—גיכער, קולי!
פלי און יאָג!
גיכער, גיכער!
ווי א בליץ!

איינמאָל—
אין א שיינעם טאָג,
האָט דער קולי
זיך צעיאָגט!

זיך צעיאָגט
פאר אלע טעג;

פאר זײַן בלוט,
און שאנד,
און מי!
אין א לעצטן
ווילד געיעג:
לעצטער וועג —
פון מאנדארינן!

— קולי, קולי!
בלײַב שוין שטיין! —
ציטערן
באם האר
די ציין!

אָבער טשען
אזױ־װי א פײַל...
גיכער
פון א פאראוויק!
האלבע מײַל!
א גאנצע מײַל!
נאָך א ליק —
און ס'איז:
די בריק!

אונטער בריק —
א טיפער טײַך —
יאָגט אהין
דער קולי גלײַך.

און אין בריק
זיך אָנגעשפארט,
און מיט פוס —
אין ראָד
א שטופ, —
אין די ריקשא

מיטן האר
גלײַך
אין טײַך,
און —
בול־בור־בופ!

נאָר באַמערקט
האָט פּאָליציי, —
און געפּײַפט,
און א געשריי!

ווי מע האָט
דאָס אַלץ
באַמערקט —
זאַמלט טשענ
זײַנע לעצטע
קראַפט,
און אַנטלאָפן
אין די בערג —
קיינער
האָט אים
ניט געכאַפּט!

און אין בערג
האָט טשענ־טשאַנ־טשונ
זייער געבענקט
נאָך ווײַב
און זון...

דזזז!
און דזזז! —
אַף באַרג
און טאָל;
הוליען ווינטן —
דזזז!
און דזזז!

שטאַרק
איז קוליס האַרץ,
ווי שטאָל;
נאָר זײַן בענקשאַפט
שטאַרקער איז!

אוי, ווי ס'וואָלט איצט
טשען־טשאַנג־טשונג
מיט זײַן קינד
זיך זען —
זײַן זון!

אזוי —
אַף די בערג
האָבן ווינטן
געהוליעט;
געהוליעט א כווּדעש,
געהוליעט
א יאָר.
אַז ס'האָט זיך
אין טײַכל
געשפּיגלט
דער קולי —
ער האָט ניט
דערקענט זיך:
גרוי —
זײַנע האָר!

האָט ער
דאָס פּאָנעם
אין מאַנטל
פאַרהילט זיך;
און האָט זיך
געזעגנט
מיט באַרג

און מיט ווינט;
—איך גיי מיר
אהיים,
און זאָל זײַן
וואָס עס וויל זיך!—
איך מוז זען
מײַן ווײַב,
און איך מוז זען
מײַן קינד!

באנאכט—
אָנגעקומען.
זײַן שטוב
איז ניטאָ מער;
ניטאָ—
אויך זײַן זון,
און ניטאָ—
אויך זײַן ווײַב!
אוי, אז דער קולי
האָט ביטער
געיאָמערט
און האָט זיך
געריסן
דאָס העמד
פונעם לײַב...

— ווו איז מײַן שטוב?
און ווו
איז איר שפור, ווו?
א הויפן
מיט שפענער;
א קופע
מיט ליים!
ווער האָט
מײַן שטיבל
געמאכט

פאר א כורווס?
פארטריבנ
מײַנ זונ
אונ מײַנ ווײַב
פונ דער היימ?

האָט זיכ געעפנט
א פענצטער
באמ שאָכנ:
— דו
טשענ־טשאנ־ טשונ?
בארויִק זיכ!
הער!—
דײַנ האר
האָט פונ צאָרנ
דײַנ שטיבל
צעבראָכנ;
נאָר האָבנ דענ
הארנ
איינ היימ בלויז
צעשטערט?
— מיינ האר?..
ער לעבט דענ?...
אינ טײַכ—
ניט דערטרונקענ?
צי האָט אימ
דער טײַכ
אויסגעשפּיגנ
צוריק?

— ניינ, ניינ, טשענ-טשאנ-טשונ!
א ווײַל נאָר
געזונקענ...
האָבנ די קנעכט
זיכ געוואָרפנ

פון בריק!
פון טײַך —
אפּן ברעג,
און געמונטערט,
געװאָרעמט...
אױ, קנעכט,
אױ, פֿאַרשאָלטענע,
נאַרישע
קנעכט!.. —

װי אױג נאָר געעפֿנט —
ער האָט זיך
צעלױַרעמט:
— געקאָמע
אין קולי!
זײַן שטיבל
צעבראָכט!

— נו, און מײַן װײַב?
ער האָט זי
באַגנעדיקט?
צי עפּשער...
ער האָט...
פֿאַר אַ דינסט
זי געמאַכט?

— דײַן װײַב,
טשען-טשאַן-טשונ...
דײַן װײַב
איז פֿון װײַטיק
פֿון זינען אַראָפּ
און האָט זיך
צעלאַכט!..

געלאַכט
און געשפּרונגען

אפ פעלדער,
אינ גריבער,—
ביז —
ז׳איז געפאלנ
אינ אייביקער
רו...
— נו...
אונ מײַנ זונ...
מײַנ טײַערער,
מײַנ ליבער?...

—דיינ זונ...
איז אוועק...
אונ מע ווייסט ניט—
אווו...

אז ס׳האָט זיכ
דער קולי
צעכליפעט
אָנ ווערטער,
נאָר—
טיפ אינעם הארצנ
געשווירנ
אזוי:
—נעקאָמע!
נעקאָמע!
פאר היים
פאר צעשטערטער!
פאר עלנטנ זונ,
פאר געשטאָרבענער
פרוי!

— פרײַנט מײַנער,
ווייִנ ניט!
וואָס העלפט דענ
דאָס ווייִנענ!

די גרעסטע נעקאָמע —
אין קאַמף
און אין שטרײַט!
געדענק —
אַז מיט טויטן
אַ פּאָרעץ
בלויז אײנעם —
דו װעסט נאָך ניט
העלפֿן
דעם פֿאָלק,
װאָס עס לײַדט!

דו האָסט ניט
קײן הײם מער? —
איז װוּ איז
דײַן אָרט דען,
אויב ניט —
אין די רײען,
װאָס קעמפֿן
באַנאַנד!
געדענק —
אַז װעסט אײנעם
א פײַנע
דערמאָרדן —
דו װעסט נאָך
דערמיט
ניט באַפרײַען
דאָס לאַנד!

קײן דאַך ניט,
קײן גאַרב ניט,
קײן פֿעלד ניט,
קײן בױם.
רײַז איז פֿאַראַנ.

קיינ פאב ניט,
קיינ ארבעט,
קיינ געלט ניט,
קיינ קלייד.

האָט זיכ `
דער קולי
געלאָזנ אינ וועג.
געגאנגענ
א טאָג,
אונ געגאנגענ
צוויי טעגנ
געגאנגענ
א וואָכ;
אונ די צווייט
אונ פיר, —
ביז איינמאָל
אפ וועגנ
באגעגנט
א צירק.

באגעגנט
א צירק —
אונ מע האָט זיכ
באקאנט:
— ביזט הונגעריק,
ברודערל?
דו זעצ זיכ
אינ וואָגנ,
אונ וואנדער
מיט אונדז;
מיר וועלנ דיכ
לערנענ -
ב א וו ײַ ז נ א ק ו נ צ ...
מעסערס

װעסט װאַרפֿן
מיט שפּיץ
און מיט שאַרפֿן
און כאַפּן
אין מויל זײ,
און װידער —
דו װאַרפֿסט!
און װידער
געכאַפּט זײ,
און װידער —
אין לופֿט...

איז טשענען
געפֿעלן,
איז האָט ער
געפּרוּװט.

צום ערשטן —
אײן מעסער;
און נאָכדעם —
צו צװײ;
צו פֿיר,
און צו זיבן, —
נאָר מ׳הארץ
טוט אים װײ!..

מעסערס —
אין האַרץ,
און אין לופֿט,
און אין זון, —
און ס׳קען
טשען־טשאַן־טשון
ניט פֿאַרגעסן
זײַן זון...

כינע בלוטיקס.
כינע ברענס.
שרויט
און טויט,
און דאמפ
און קראמפ.
אָנגעגורט
האָט לאנד
די לענד:
פענט
פון הענט —
פארלענדט
אין קאמפ!

כינעס פעסטע
בעסטע זין,
אין געשלעג
פאר פרייען
וועג;
פאר א לאנד
אָן מאנדארין;
פאר באגין
פון נייע טעג!

פיינט פון דר'היים,
און פון דער פרעמד! —
מאנדארין,
און לאָרד,
און גראף.
וואָלט אויך טשען־טשאן־טשון
געקעמפט —
איז ער איצט שוין
אלט
און שלאף.

וואַרפֿט ער מעסערס
האָפּ־האָפּ־האָפּ! —
האָפּ —
איז לויפֿט,
און האָפּ —
אין מויל.

וואַקסט דאָס רעדל
סקוֹפּ אַף קאָפּ —
און דער אוילעם
שמייכלט
און גרויזלט:

— זעט א קונץ!
און זעט א שפּיל!
— אויגן פֿלאַם!
— און פּאָנעם —
וואַקס!..
— זעט, ווי אַלט —
און טרעפֿט
אין ציל!

און דאָס רעדל
וואַקסט
און וואַקסט.

קומט א פּאַרעץ
פֿון דער גאַס,
וויל ער אויכעט
טאָן א קוק;
איז ער גראָב
אַזוי־ווי א פֿאַס —
שטופּט ער זיך
און רוקט זיך,
רוקט.

לאכט די [illegible]ע
גראָב
און דומפּ:
— איך א שארף מיר!..
איך א שפּיץ!..
זייַנען מעסערס —
זייַנען שטומפּ,
און פון ברעטלעך
אויסגעשניצט!

הערט ניט,
הערט ניט
טשען־טשאן־טשונג;
זיבן מעסערס —
וואַרפט ער
וואַרפט.
נאָר דער אוילעם
האָט געברומט:
מעסערס —
שטאָל!
און מעסערס —
שארף!

מעסערס —
גרויסע!
פון קאַנטאָן,
גלאַנצן
קעגן כינעס זון!
קומען,
קומען,
קומען אָן
איך אין אונדזער
שטאָט שאנדונג!

מעסערס —
גרעסער!

גרייט —
און גרים!
גרייט —
צום צאָרן
און צום ציל! —
אָט אזוי
האָט שטים
מיט שטים
זיך געשושקעט
אין דער שטיל.

און דער פּאָרעץ —
דומפּ
און גראָב:
— אויך מיר מעסע־ס!..
כהאָ־כהאָ־כי!..
און די מעסערס —
האָפּ־האָפּ־האָפּ!
פלי פון מויל,
אין לופט —
פלי־פלי!

נאָר פלוצים —
וואָס האָט זיך
געטראָפן אזוינס?
וואָס קוקט טשען־טשאן־טשוב
אזוי שטאר,
אזוי הארב?
וואָס קלאפן
די שלייפן
אין בלוט
און אין ברויז?
און טיפער —
אפּ שטערן

געוואָרן
דער קארבּ?
און ס׳פאלן
די מעסערס
שוין מער ניט
אין מויל;
צעפלויגן —
אין זייַנען
אהין און אהער...
און טשען־טשאן־טשונס
פינגער
אין צימער
און גרויל,
קלייַבן די מעסערס
צונויף
פון דער ערד...

און ווידער —
געוואָרפן,
נאָר ס׳בלאָנדזשעט
זייַן בליק...
און ווידער —
צעפלויגן,
און וואָס איז געשען?
אָן עפּעס...
ד׳ערמאָנט זיך...
א ריקשא...
א בריק...
א קולי...
און קולי
זייַן האר
האָט דערזען...

אָט שטייט ער
דער פּעמפּיק,

און טרייסלט
דעם בויך —
מיט דומפּנ געלעכטער,
מיט פּעטס
א [illegible]
א פּעכ[illegible] —
אינ נידער!
א צווייטס —
אינדערהויכ!
דאָס דריטע —
זאָל טרעפנ
דעם פּאָרעצ
אינ האלדז!

— אוי, אלטער,
אוי, אלטער!
וואָס האָסטו
פארטראכט זיכ?
וואָס האָסטו, דו אלטער,
פארגעסנ
אָנ אונדז?

— כהאָ־כאָ...
ער איז אלט שוינ —
האָט פּאָרעצ
צעלאכט זיכ —
ער טרעפט ניט
אינ ציל מער;
פארגעסנ
די קונצ! _

— שטיי, שטיי!
איכ וועל טרעפנ!
ניינ־ניינ!
ניט פארגעסנ,
פּאָרעצל!

פאַרעצל!
וואַרט נאָר א ווײַל!
און —
אָנגעשלייפט האָט
טשעג־טשאַג־טשוג
זײַנע מעסערס,
און האָט זיי
געוואָרפן
א פײַל נאָך א פײַל!

— א פײַל —
פאַר מײַן יוגנט,
אומזיסט
אָפּגעהאַרעוועט!
א פײַל —
פאַר דײַן בײַטש
אויף מײַן ווונדיקן
לײַב!
א פײַל —
פאַר מײַן היים,
וואָס דו האָסט
פאַרכאַרעוועט!
א פײַל —
פאַר מײַן זון!
און א פײַל —
פאַר מײַן ווײַב!

אזוי־ווי אַן אינדיק
באַפּליקט
און געשאָכטן, —
נאָר אײנציקע
פעדערן
שטאַרצן אויף הויט, —
אזוי איז דער פאַרעצ
געלעגן

דערשטאָכן, —
באַפֿעראַרט
מיט מעסערס,
מיט זיבן,
און — טויט!

די ראָד
איז געוואָקסן
אַלץ ברייטער
און גרעסער;
פֿון אָרעמע געסלעך,
פֿון מאַרק
און פֿון ליק...
מע קוקט
אָפֿן טויטן,
מע קוקט
אויף די מעסערס;
אָט גייט
פּאָליציי שוין
מיט זעבלען
און שטריק.
— ווו איז ער
דער מערדער?
הער!
נעמט אים
געבונדן!
מיר וועלן אים
הענגען
אינמיטן דער שטאָט!

אַז ס'האָט זיך
אַ פֿײַער
אין הערצער
צעצונדן,
און ס'האָבן זיך

פויסטן
צערודערט
אין ראָד!

— טשען —
זאָל ניט שטארבן!
ער איז ניט
קיין מערדער!
ווי ער —
אויך מיר אלע —
מיר זיינען
פארפאָלגט!
און פּלוצים
האָט טשען
זיך דערמאָנט
אָן די ווערטער:
„דער מאָרד
פון איין פּאָרעץ
באפרייט ניט
דאָס פאָלק!"

אַז ס'האָט טשען־טשאן־טשונ
מיט א פּלאַם
אין די אויגן
גערעדט
פארן רעדל,
מיט ביטערע
רייד;
אז ס'האָט זיך
צעכוואַליעט די ראָד,
און צעצויגן,
ברויזיק —
און בראַנדיק —
און ברייטער —
און ברייט!

פאָרויס —
טשענ־טשאַנ־טשונ
מיט די מעסערס
דערהייבנ;
נאָכ אימ —
מאכנעס־מאכנעס,
נאָכ אימ —
ריי־נאָכ־ריי.
אונ ס'האָט זיכ
א בלוטיקע שלאכט
אָנגעהויבנ
אונ האָט זיכ,
אונ האָט זיכ
געצויגנ
א כוידעש
אונ צוויי.

ביז ס'איז געקומענ
א רײַטער
צו רײַטנ,
אונ האָט טשענ־טשאַנ־טשונענ
א בסורע
געבראכט:
— די שטאָט
איז גערינגלט
פונ אלע
פיר זײַטנ!
מיר זײַנענ געקומענ
דיר העלפנ
אינ שלאכט!

— ווער ביסטו,
דו רײַטער?
ווער ביסטו,
דו בראַווער?

און ווער
האָט געשיקט דיר
אונדז העלפֿן
אין נויט?

— כ'בין אײַערער
א כאַווער,
מײַן פאָן איז —
אָקטיאַבער!
מיר קעמפֿן
פאַר כינע
אַפֿ טויט
אָדער רויט!

דער אַלטער —
א שוואַכער;
דער יונגער —
א לעמפּערט!
נאָר ביידע —
אײַנ ווילדן;
באַפרײַען —
שאַנדונג!

געוווּסט האָט ניט קיינער,
אַז ביידע
צוויי קעמפֿער —
איז איינער —
א טאַטע;
דער צווייטער —
זײַן זון!...

— — — — — — — —

קאַמף —
איז ביטער;
קאַמף —
איז זיס!

בלוט —
פונ קעמפער
מאָנט
און רופט!
פאלט א קעמפער
פונ די פיס —
שטייט א צווייטער
קעמפער
אופ!

מעפערס —
גרעסער —
גרייט —
און גרויס! —
קעגנ מאנדארינ,
וואָס הערשט!
ס'איז מײַנ ליד
אינ אָנהייב בלויז —
כינעס ליד
וועט קומענ ערשט!

1929

אינהאלט

זײַט

אונדזערע קינדער	3
א שלאכט בא קאמענסק	38
צו מײַנ זונ	47
וועדינג אינ מײַ	51
דאָס מײַ־ליד פונעם לופט־פליִער	55
דאָס ליד פונ ערשטנ מײַ	60
א וויגליד אינ קאָלווירט	66
באָלשעוויסטישער דריטער	70
זיבנ מעסערס	73

ЦАНА 2 р. 25 к.

פרייז 2 ר. 25 ק.

М. Пінчэўскі

Нашы дзеці

М. Пинчевский

Наши дети